בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**
מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס נ"ג, פרשת בא תש"פ

# תוכן השיעור


"האלטן פארמאכט דאס מויל"

"א טייערע סמעטענע"...

'מה שאבדו הון יקר כזה'

'ה' לא יעזבנו בידו'

מעט מעט אגרשנו מפניך...

'צופה רשע לצדיק'

'אם שמוע בישן תשמע בחדש'...

'אחד היה אברהם'...

"ביאור הליקוטים"

'סתום וגליא'

חכמים הזהרו בדבריכם...

'עת לחשות'...

'בריאות הגוף והנפש'

"ווער ס'האט פארמאכט דער ווערט עפענען"


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 53**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**


כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# פרשת מטות מסעי (ב'), תשל"ד

(טייפ מס' 44#)

## "האלטן פארמאכט דאס מויל"

(אחד שואל על שיחה הנדפסת באבני"ה ברזל, שמוהרנ"ת אמר פעם, שֶׁאִם הָיָה יוֹדֵעַ אֲשֶׁר כַּמָּה אֲנָשִׁים יַעַמְדוּ אֶצְלוֹ, הָיָה מְדַבֵּר עִם רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל בִּשְׁבִיל מוֹפְתִים)[א] ער וואלט גערעדט מיטן רבי'ן צו ער זאל רעדן פון מופתים! (השואל: אז אפשר האט ער יא רשות צו מאכן מופתים?) יא.

ס'איז דאך אזוי געווען, ס'איז דא א מעשה מיט ר' נפתלי'ן, ר' נפתלי האט אזוי געזאגט: **"מיר האבן מקובל פונעם רבי'ן אז מיר זאלן האלטן פארמאכט דאס מויל, נאר אז מיר זאגן ווערט מקויים!".**[ב]

ס'איז געווען עפעס א קבלה פונעם רבי'ן, מען זאל זיך צוהאלטן, מען זאל נישט זאגן! "נאר אז מיר זאגן ווערט מקויים!" - ר' נפתלי האט אזוי געזאגט.

אט דאס מיינט ר' נתן: "ווען ער זאל געווען וויסן וואס אויף אים וועט אויפשטיין, וואלט ער ווען רעדן מיטן רבי'ן צו ער זאל יא אויסשטיין דער זאך, צו נישט!". ווען

---

[א] שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ל"ה.

[ב] הסיפור בשלימותו עי' קונטרס טעם זקנים ל"ד - פרשת תצוה, ז' אדר, תשל"ד: ...פאר רבי נפתלי האט אויסגעפעלט א מנין, א 'צענטער', און א 'לוי'. ער האט נישט געהאט קיין 'לוי' און נישט געהאט קיין 'צענטער', איז איינער געווען - א 'לוי', און ער האט נישט געהאט קיין קינדער - דער 'לוי', האט יענער איהם אזוי געזאגט: "גיי זאג רבי נפתלי'ן - אז ער וועט מיר צוזאגן א קינד וועל איך אריינקומען דאווענען - וועל איך זיין א צענטער"! האט ער איהם צוגעזאגט! ער האט דאך נישט געהאט קיין ברירה, ער האט דאך געמוזט האבן א מנין, האט ער צוגעזאגט א קינד, שוין.

ס'איז אוועקגעגאנגען א שטיקל צייט, ער האט נאכנישט געהאט קיין קינד, האט ער געזאגט צו רבי חיים סטאלער: "ער האט דאך מיר צוגעזאגט, פארוואס ווערט עס נישט מקוים"? האט ער געזאגט צו רבי נפתלי, זאגט ער אזוי: **"מיר האבן מקובל פונעם רבי'ן - מיר זאלן האלטן פארמאכט דאס מויל, מיר זאלן נישט רעדן! נאר אז מיר זאגן - ווערט מקוים"!**

"מיר האבן מקובל פונעם רבי'ן - מיר זאלן נישט ווארפן זיך - דאס מויל האלטן פארמאכט! אז זאגן מיר? ווערט מקוים"! דער עיקר - ער האט געהאט קינדער.

ער זאל געווען וויסן וואס אויף אים וועט אויפשטיין, וואלט ער גערעדט מיטן רבי'ן וועגן מופתים, צו ער זאל טוהן עפעס דערמיט!

ווייל ער איז געווען פארשפארט אז זיי טארן נישט (לעסוק במופתים)! ליידן און ליידן, און זיך איינהאלטן פון טוהן מופתים!

ער האט געוואוסט פונעם רבי'ן אז מען זאל זיך דערוויטערן דערפון, פון ארויסווייזן זיך, איינהאלטן! אבער ווען ער זאל געווען וויסן וואס אויף אים וועט אויפשטיין, וואלט ער גערעדט מיטן רבי'ן צו ער זאל יא טוהן וועג דער זאך!

א מכתב איז דא פון תרצ"ה: "איר ווילט נאך זעהן מופתים? זאלט איר וויסן ס'איז נישט דעם רבי'נס זאך!".[ג] (ר' נחמן בורשטיין: "ער טוט נישט באלד, אבער וועמען מען דארף אפרוימען רוימט מען אפ").[ד] יא יא.

זיי האבן 'געקענט'! זיי האבן געהאט א 'מויל'! דאס האט ר' נפתלי געזאגט: "מיר האבן מקובל פונעם רבי'ן אז מיר האלטן פארמאכט דאס מויל, מען זאל נישט זאגן, נאר אז מיר זאגן ווערט מקויים!".

❖

## "א טייערע סמעטענע"...

(השואל: וואס איז געווען די מעשה מיט ר' אברהם ר' נחמן'ס מיט די סמעטענע?) אה! ר' אברהם ר' נחמן'ס! דאס איז נישט געווען אין מיינע צייטן, דאס האט מען מיר דערציילט, דאס איז געווען ביי "ר' ישראל יאלים" (השואל: דער 'עורך דין'?) יא, ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, ער איז געווען א 'עורך דין', יא!

---

[ג] עי' עלים לתרופה מכתב קע"א: וַאֲשֶׁר אַתֶּם רוֹצִים לִרְאוֹת מוֹפְתִים מִיָּד, הֲלֹא כְּבָר יְדַעְתֶּם שֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל לֹא הִתְנַהֵג בָּזֶה, כַּאֲשֶׁר כְּבָר דִּבַּרְתִּי הַרְבֵּה בָּזֶה, כִּי הוּא מְגַלֶּה אֱלֹקוּתוֹ בָּעוֹלָם רַק עַל יְדֵי תּוֹרוֹת נִפְלָאוֹת שֶׁגִּלָּה... ושם מכתב קע"ה: וְאַף עַל פִּי שֶׁכָּתַבְתִּי לְמַעְלָה שֶׁאֵין לָכֶם לְצַפּוֹת עַל מוֹפְתִים דַּיְקָא, אַף עַל פִּי כֵן בֶּאֱמֶת אֲנִי רוֹאֶה מוֹפְתִים נִפְלָאִים כִּמְעַט בְּכָל יוֹם...

[ד] שם מכתב קע"א: וְאִם עַל כָּל זֶה רָאִינוּ כַּמָּה מוֹפְתִים נוֹרָאִים מִמֶּנּוּ זַ"ל בְּחַיָּיו, וְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ בְּיוֹתֵר, אֲבָל אֵין דַּרְכּוֹ לְהַעֲנִישׁ מִיָּד, כִּי "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב", רַק בְּעֵת שֶׁהוּא הֶכְרֵחַ גָּדוֹל לְבַעֵר הַקּוֹצִים מִן הַכֶּרֶם שֶׁאִי אֶפְשָׁר בִּלְתִּי זֹאת, אָז הוּא מְבַעֵר אוֹתָם בְּמוֹעֲדָם וּבִזְמַנָּם. וּכְבָר בִּעֵר הַרְבֵּה, וְלַה' הַיְשׁוּעָה...

זיינעם א זון האב איך געקענט, (השואל: ר' ישראל'ן אליין האט איר נישט געקענט?) ניין, 'יוחנן' (גאלאנט) האט אים געקענט! איך האב אים נישט געקענט.

איז ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט איינשטיין ביי אים, ביי דעם ר' ישראל'ן, (ר' נחמן בורשטיין: אין בארדיטשוב?) אין בארדיטשוב, יא.

דער ר' ישראל איז געווען אזוי דבוק אין ר' אברהם ר' נחמן'ס - ער איז געווען א אדם גדול דער ר' ישראל, אז ר' אברהם ר' נחמן'ס האט זיך ביי אים צוגעשפארט, שבת נאכ'ן עסן, האט ער זיך אָנגעבויגן אננעמען דעם 'דוך' (הבל פיו) פון ר' אברהם ר' נחמן'ס!

א מענטש אז ער שלאפט לאזט ער דאך א 'דוך', האט ער זיך אָנגעבויגן ער זאל זיך אננעמען דעם 'דוך' פון ר' אברהם ר' נחמן'ס, דער ר' ישראל! אזוי איז ער געווען אדוק אין ר' אברהם!

האט ער מיר דערציילט - דער זון, ביי זיין טאטן איז דאס געווען, אז ס'איז געווען אמאל ביי 'שלש סעודות', מען איז געזעצן צוזאמען, און ר' אברהם האט געהאט דאס חולאת פון 'חולי מעיים', איז אמאל ס'האט זיך אים אזוי צושפילט, האט ער געדארפט האבן אביסל 'פעטקע סמעטענע', האט עס אים אביסל דארט (בארוהיגט) (השואל: ווייעך מאכן?) יא.

איז געווען אמאל 'שלש סעודות', אידן ארעמעלייט, ווער האט סמעטענע?! האט ער א זאג געגעבן: איך האב געדארפט יעצט האבן אביסל סמעטענע! נאר ער האט נישט געהאט דארטן, איז געווען דארטן א אידענע, האט זי זיך אנגערופן דארטן, צו די ווייבער, "זי האט סמעטענע, זי קען אים גיבן! נאר זי וויל - זאל ער וואונטשן זי זאל האבן א קינד!", זי האט נישט קיין קינדער!

האט מען דאס איבערגעגעבן ר' אברהם'ען, האט ר' אברהם געזאגט: "א טייער ביסל סמעטענע! זי הייסט זיך באצאלן אזוי טייער פאר אביסל סמעטענע?! זי הייסט געבן א קינד פאר אביסל סמעטענע?! נו זאל זי גיבן! זאל זי גיבן!".

(השואל: האט זי געהאט א קינד!) יא אוודאי!

דאס האט ער דערציילט, דער זון האט מיר דאס דערציילט!

"זאל זי גיבן!"...

דעם רבי'נס זאך איז געווען א זאך פון הצנע לכת![ה]

(כאן חסר קצת מהטייפ)

❖

# 'מה שאבדו הון יקר כזה'

(כאן חסר קצת, נכנסים בשיחה אודות המחלוקת הקשה שקמה על אנ"ש בימי מוהרנ"ת, ומזכירים פרשת הגט שר' אברהם בער'ניו נכד רביז"ל נאלץ לגרש את אשתו - בתו של הגביר משה חינקעס, והוכרח לצאת מביתם בעירום ובחוסר כל),[ו] **איז דאך אזא מין 'קטנות'** (הסתרת פנים)**, אזא מין...**

נאר דער אויבערשטער האט רחמנות, אז דער רבי'נס א תלמיד "ר' בער", ער איז געווען אין טשעהרין גאר, און דער רבי האט אויף אים געזאגט: **"ער האט אזוי מורא פונעם אויבערשטן, אזוי ווי איינעם וואס מען לייגט אים דארטן 'געגאטע'** (מקום שמלקים בו השלטונות את החייב מלקות)**!".**[ז]

און ער איז געווען א גרויסער עושר, און ער האט געהערט פונעם גט, רופט ער זיך אן צו זיין רביצין, זאגט ער: "הערסט זיך איין? מיר ווען מאכן א חשבון וויפיל מיר פארמאגן, מיר וועלן נעמען דעם רבי'נס קינד פאר אן איידעם, 'אים' אוועקגעבן האלב, און 'זיך' לאזן האלב!".

ער איז געווען ביי זיך אזוי צובראכן, 'יראה' איז 'ענוה' - זאגט דער רבי אין א תורה![ח] - (ועל אף עשירותו הגדולה חשב לעצמו) "טאמער וועט ער נישט וועלן - אדל'ע וועט נישט וועלן מיט מיר זיך משדך זיין?!".

איז ער אוועקגעפארן צו ר' נפתלי'ן קיין אומאן, און ר' נפתלי איז געפארן מיט אים צוזאמען צו אדל'ן, מען וועט בעטן אז אדל'ע זאל ביישטיין! "אדל'ע זאל ביישטיין"!!!

---

[ה] עי' אבני"ה ברזל - שו"ס ממוהרנ"ת ז"ל אות ל"ד - ל"ה: אָמַר, בְּאֹפֶן אֶחָד הָיָה מַחֲלֹקֶת הַבַּעַל שֵׁם טוֹב גָּדוֹל מִשֶּׁלָּנוּ, אַךְ הֵם הָיוּ מֻתָּרִים בְּמוֹפְתִים, אֲבָל אָנוּ אֲסוּרִים בְּמוֹפְתִים ... כִּי אִם בִּתְפִלָּה וּבְתַחֲנוּנִים. - כִּי רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל לִפְעָמִים רָאִינוּ מִמֶּנּוּ מוֹפְתִים בְּגָלוּי, אֲבָל מוֹהֲרַנַ"ת הִתְרַחֵק הַרְבֵּה מִזֶּה, רַק לִפְעָמִים רָאִינוּ מִמֶּנּוּ מוֹפְתִים...

[ו] עי' עלים לתרופה בדבר המעתיק לפני מכתב קס"א. וקונטרס טעם זקנים כ"ה - פרשת בשלח תשל"ד.

[ז] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות כ"א, ושיש"ק ח"ב אות ע"ט.

[ח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' צ"ז: ...וּמִן הָעֲנָוָה נִמְשָׁךְ הַיִּרְאָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "עֵקֶב עֲנָוָה יִרְאַת ה'"...

מען איז אריינגעקומען, און ס'איז באלד געווארן די התקשרות, ס'איז געווארן ממש 'מאפילה לאורה' און 'מאבל ליום טוב', און די חתונה איז באלד געווארן! ר' בער'ס א טאכטער! דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט.

און בשעת ר' בער איז געקומען קיין ברסלב, איז ער (משה חינקעס) ארומגעגאנגען, ס'האט אים געקאכט, ער האט געוואוסט וואס דא טוהט זיך...

ס'איז דא א מכתב, זאגט ר' נתן דארט: "ער מעג חרטה האבן וואס ער האט ארויסגעלאזט אזוי א 'הון רב' פון די שטוב!", אזא 'הון' פון די שטוב ארויסגעלאזט![ט]

דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט, מען האט שוין געהאלטן אינגאנצן ביים זיך 'דערטרינקען', האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט!

❖

# 'ה' לא יעזבנו בידו'

ביי ר' נתן'ען, דעמאלט'ס ווען ס'האט זיך שוין געענדיגט די 'דריי יאר' פון דעם 'פארשיקן קיין נעמרוב', ס'איז שוין אנגעקומען פון די גובערנאטור אז ער מעג שוין וואוינען צוריק אין 'ברסלב', האט זיך אנגערופן דער חולק דארטן - דער (משה חינקעס): "אז ביי מיר וועט וואקסן דא האר, אזוי וועט ער וואוינען אין ברסלב! אט גיי איך צום 'גאראדניטשע'!". - דאס איז דער 'ראש העיר' דארט, דער בעל הבית פון די שטאט.

און שוין, און ער גייט אוועק דארטן צו אים, און ער וויל דארטן זאגן וואס ער וויל דארטן זאגן, און דארטן ווערט אים 'נישט גוט', און ער פאלט אוועק!

דער 'גאראדניטשע' האט שוין זייער מורא געהאט, אזא גביר, מען וועט זאגן אז ער האט אים עפעס געטוהן, האט ער געמוזט שוין אים אפשיקן אהיים, און ס'איז נישט געווען קיין וואגן, איז געווען א 'מיסט וועגעלע', מען האט גענומען א 'מיסט וועגעלע', אפגעפירט אהיים, און ער איז באלד דערויף געשטארבן![י]

---

[ט] עי' עלים לתרופה מכתב רט"ז.

[י] עי' כל זה בעלים לתרופה בדבר המעתיק לפני מכתב קס"א.

האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט, און ס'האט א קלאפ געגעבן פאר די שטאט! זיי האבן דאך אלע געוואוסט וואס ער האט געוואלט טוהן, מען האט פארמאכט די מיילער!

אבער אזוי פיל פארמאכט אז מען זאל קענען 'אפדוכן' (להנשים), מער נישט![יא]

ס'איז נאכנישט בטל געווארן די מחלוקת, 'ובני קורח לא מתו',[יב] ס'איז נאכנישט בטל געווארן! אבער אז מען זאל קענען 'דוכן' האט דער אויבערשטער רחמנות געהאט!

אויף 'דערווייל' האט עס געמאכט א גרויסן קלאפ אין די וועג! ס'איז געווען, ס'האט גע'רעש'ט, די זאך האט גע'רעש'ט!

ר' נתן איז טאקע צוריק ארוים קיין ברסלב, און ער איז ווייטער געווען "ר' נתן"! ווייטער געדרוקט, ווייטער געלערנט, ווייטער געטוהן! שוין.

דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט ס'זאל נישט פארלאשן ווערן אינגאנצן דער אור, מען זאל קענען 'אפדוכן', אבער ס'איז ווייטער נאך - משיח איז נאכנישט געקומען!...[יג]

❖

---

[יא] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רי"ח: ... אֲבָל אֵלּוּ הָרְשָׁעִים מַרְבִּים בְּמַחֲלֹקֶת, מַרְבִּים בְּמִכְסֶה, עַד שֶׁאֵין כֹּחַ בַּצַּדִּיקִים לִסְבֹּל מַחֲלָקְתָּם וְשִׂנְאָתָם שֶׁל הָרְשָׁעִים ... כְּמוֹ שֶׁמְּכַסִּין אֶת אָדָם מֵרֹאשׁוֹ וְעַד רַגְלָיו עַד שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהַנְשִׁים, כֵּן אֵלּוּ הָרְשָׁעִים הֵן מְכַסִּין וּמַרְבִּים בְּצִפּוּיִים בְּמַחֲלֹקֶת וּמְבַקְשִׁין לַהֲמִיתוֹ, אֲבָל "וַה' לֹא יַעַזְבֶנּוּ בְיָדוֹ".

[יב] עי' ספר אגרא דכלה פרשת פינחס: שמעתי מאת כבוד אדמו"ר הרב הק' מהרמ"מ זצוק"ל, רמז הפסוק "ובני קרח לא מתו", הגם כי קרח בעל המחלוקת מת, עכ"ז בני קרח תלמידיו בעלי המחלוקת לא מתו, כי בכל דור ודור יש ניגוד מבעלי המחלוקת על הצדיקים וההולכים בתום, ונ"ל דנפקא מינה למיבעי רחמי.

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רכ"ח, וספר המדות ערך צדיק חלק שני אות י"ז: כְּשֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רוֹאֶה אֵיזֶה צַדִּיק שֶׁיֵּשׁ כֹּחַ בְּיָדוֹ לְקָרֵב בְּנֵי אָדָם לַעֲבוֹדָתוֹ, אֲזַי מַעֲמִיד עָלָיו שׂוֹנְאִים כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְקָרֵב בְּנֵי אָדָם, כִּי הַצַּדִּיק שֶׁאֵין לוֹ שׂוֹנְאִים אֵין יָכֹל לְקָרֵב, כְּמוֹ בְּעֵת בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ יֵשְׁבוּ בְּשָׁלוֹם וְאֵין מְקַבְּלִים גֵּרִים.

# מעט מעט אגרשנו מפניך...

דו ווייסט דאך דעם 'חלום' פון אדל'ען! (ראה להלן), דעם 'טרעט' וואס מען מוז טוהן - טוהט מען, אבער ווייטער נישט!

דער רבי'נס זאך איז אזוי - איך זעה נישט פאר זיך ביזן 'סוף', איך מוז געבן א 'טרעט', לאזט מען מיך געבן 'דעם' טרעט! און 'ווייטער' דאכט זיך ס'איז ווייטער 'פארשטעלט'!

אויב איך וועל וועלן קוקן ביזן 'סוף', וועל איך גארנישט אנהויבן?! דער תירוץ איז, דעם טרעט וואס דו גיבסט - גיב א 'טרעט'! ווען ס'קומט 'ווייטער' - וועסטו ווייטער דארפן געבן א טרעט!

אדל'ע האט דערציילט ר' נתן'ען א 'חלום', ס'האט זיך איר געחלום'ט, אין ברסלב איז געווען דארטן דעם רבי'נס בית מדרש, איז געווען דארטן אסאך מענטשן געשטאנען ארום, אסאך מענטשן, און זיי האבן געזאגט, "אט דארף ער אנקומען" - אויפן רבי'ן - "מיר וועלן אים נישט אריינלאזן, מיר וועלן אים נישט אריינלאזן אין בית מדרש!".

אינדרויסן איז געשטאנען אסאך מענטשן, און זיי האבן געזאגט אז זיי וועלן נישט אריינלאזן!

דער רבי איז געגעבן א קום אָן, צוגעגאנגען, איז דער ערשטער אוועקגעגאנגען!

האט זיך אנגערופן דער אנדערער, "אבער 'איך' וועל אים נישט לאזן!". דער רבי איז געקומען צו דעם אנדערן, איז דער אנדערער אויך אוועקגעגאנגען!

אזוי ווייטער, דער דריטער האט אזוי געזאגט, אזוי איז געווען – יעדער איינער האט נאר אפגעטראטן ווען דער רבי איז געקומען צו אים!

און אזוי איז געווען אין בית המדרש, ביז דער רבי איז אנגעקומען אויף זיין פלאץ! - נאכדעם האט זי זיך אויפגעכאפט.

**האט זיך אנגערופן ר' נתן: "אזוי איז דעם רבי'נס זאך! מען זעהט נישט ארויס דעם סוף, נאר 'דעם טרעט' וואס ער מוז טוהן לאזט מען אים, און ווייטער - איז ווייטער פארשטעלט!".**

**ווארום אז מען זאל אזוי פיל פארשטעלן אז מען זאל דעם טרעט אויך נישט קענען טוהן, איז שוין אינגאנצן פארשטעלט דער וועג, - דאס נישט!**

**אזוי גייט דעם רבי'נס זאך, אז מען וויל זיך האלטן ביים רבי'ן גייט עס אזוי: דו ביסט נאכנישט געווארן קיין 'איש כשר' אינגאנצן? אבער א 'טרעט' קענסטו טוהן! 'איין טרעט' קענסטו טוהן, און מיט דעם טרעט קענסטו זיך האלטן 'עד מאה ועשרים שנה', מיט דעם טרעט! און נאך א טרעט, נאך א טרעט!**

**דאס הייסט צוביסלעך! א 'נקודה טובה' און 'עפעס', דעם 'טרעט' זאלסטו טוהן! אזוי קענסטו ווערן א 'איש כשר' אלע יארן! אבער דו וועסט נישט זעהן ביזן 'סוף', דאס נישט! - דעם רבי'נס זאך גייט אזוי![יד]**

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי זאגט דאך טאקע אז פון יעדן 'פסיעה' ווערט באשאפן א 'מלאך'!)[טו] **יא יא, פון יעדן פסיעה ווערט באשאפן א מלאך, אוודאי!** (יעדער טרעט!) **יא יא.**

❖

# 'צופה רשע לצדיק'

**וואס רבי נתן האט איבערגעליטן! מילא אויפ'ן רבי'ן געווען אוודאי, אבער וואס ר' נתן האט געליטן - געוואלדיג וואס ר' נתן האט איבערגעליטן, א געוואלד געווען![טז]**

---

[יד] עי' שיחות הר"ן אות כ"ז: אַף־עַל־פִּי שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לִהְיוֹת זָרִיז גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד בַּעֲבוֹדַת ה', לְהִזָּהֵר מְאֹד בְּכָל עֵת וּבְכָל שָׁעָה לַעֲשׂוֹת הַרְבֵּה בַּעֲבוֹדַת ה' ... צָרִיךְ לְבַל יִהְיֶה מְבֹהָל לַחֲטֹף הַכֹּל בְּבַת אַחַת, רַק לֵילֵךְ בְּנַחַת בְּהַדְרָגָה מְעַט מְעַט, וְלֹא שֶׁיְּהֵא מְבֹהָל וּמְבֻלְבָּל שֶׁרוֹצֶה לְקַיֵּם וְלַחֲטֹף הַכֹּל בְּבַת אַחַת, וּמֵחֲמַת זֶה נִתְבַּלְבֵּל לְגַמְרֵי... עיי"ש.

[טו] עי' חיי מוהר"ן אות רצ"א.

[טז] עי' כוכבי אור - חכמה ובינה אות ל"ט: ... וְיָדוּעַ שֶׁהָעִקָּר שֶׁל כָּל תַּלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים הָיָה מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל, וְלָכֵן נִרְאֶה בְּחוּשׁ כִּי בְּאִתְגַּלְיָא הָיְתָה עָלָיו הַמִּלְחָמָה פָּנִים וְאָחוֹר יוֹתֵר מֵעַל רַבֵּנוּ זַ"ל, כִּי בְּכָל מִינֵי מְסִירוֹת מְסָרוּהוּ, וּבְכָל מִינֵי חֵרוּפִים מְקוֹלוֹת וְקְלָלוֹת בְּפָנָיו וּבִפְנֵי עֵינָיו חֵרְפוּהוּ וְקִלְּלוּהוּ, בִּתְפִיסָה תְּפָסוּהוּ, וּמִבֵּיתוֹ גֵּרְשׁוּהוּ, וְגַם רָצוּ וְהִשְׁתַּדְּלוּ לְהָרְגוֹ וְלַהֲמִיתוֹ, אוֹתוֹ וְאֶת כָּל אֲשֶׁר הִכִּיר אֲמִתָּתוֹ, כַּנּוֹדָע וּמְפֻרְסָם...

ער האט מתיר געמאכט 'הריגה', און ער האט צוגעזאגט 'עולם הבא' ווער ס'וועט אים - רחמנא ליצלן!"[יז] ס'איז עפעס א געוואלד געווען וואס מען האט געוואלט פון דעם אידן דארטן!

און דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט, אין די גרויסע מחלוקת - אין אלעם האט ער געטאן זיינס! מקרב געווען אידן צום אויבערשטן, און מחדש געווען חידושים, און געטוהן אינעם רבי'נס זאך![יח]

און 'עד הנה' איז נאר דער 'דוך' פון ר' נתן'ען, וואס ס'איז געבליבן איז נאר פון ר' נתן'ען![יט]

און אליץ דערפאר: ער האט געוואוסט אז אזוי גייט דעם רבי'נס זאך, 'צוביסלעך'! א 'טרעט'! א 'טרעט'!

דאס דארף מען זעהן, וואס פון רבי נתן'ען איז געבליבן! רבי נתן איז מקרב אידן צום אויבערשטן, 'בחייו' - און 'לאחר הסתלקותו', טויזענטער אידן ווערן מקורב דורך זיינע דיבורים, דורך זיינע מכתבים, זיינע תפילות![כ]

---

[יז] עי' כוכבי אור שם, ועי' עלים לתרופה מכתב קס"ד בסופו, ועי' ביאור הליקוטים בסופו ד"ה בדבר נסיון ובחירת ראשי הדורות.

[יח] עי' עלים לתרופה מכתב קע"א (בדבר המעתיק - ה"ה הרב מטשעהרין ז"ל): ... וְגַם הָבֵן גֹּדֶל הָרְדִיפוֹת וְהַסַּכָּנוֹת שֶׁעָבַר עָלָיו כָּל יְמֵי חַיָּיו הַקְּדוֹשִׁים, מַמָּשׁ כֹּחַ בַּרְזֶל הָיָה כֹּחוֹ שֶׁסָּבַל כָּל הַנַּ"ל. וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא שָׁת לִבּוֹ לְכָל הַנַּ"ל לְהִתְעַצֵּל אוֹ לְהִתְעַצֵּב חַס וְשָׁלוֹם בַּעֲבוֹדַת ה' שֶׁעָבַד כָּל יָמָיו, רַק עוֹד קֵרֵב אֶת עַצְמוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם, וְלָמַד וְלִמֵּד וְעָשָׂה וּמְעַשֶּׂה לְרַבִּים, וְהַכֹּל בְּכֹחַ וּבְהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל וְעָצוּם מְאֹד ... אֲשֶׁר פָּנָיו הָיְתָה בּוֹעֶרֶת כְּלַפִּידִים מַמָּשׁ בְּבִטּוּל כָּל הַרְגָּשׁוֹת בְּעֵת עָסְקוֹ בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה...

[יט] עי' הקדמת עלים לתרופה, ובפרפראות לחכמה סי' ז' תניינא אות כ"ו: שָׁמַעְתִּי מֵאָבִי ז"ל (- ה"ה ר' הירש לייב אב"ד ברסלב בנו של "ר' אהרן דער רב" תלמיד רביז"ל), שֶׁשָּׁמַע מִגְּדוֹלֵי הַמְקוֹרָבִים שֶׁל רַבֵּנוּ ז"ל, שֶׁהֵבִינוּ מֵרְמִיזוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל רַבֵּנוּ ז"ל שֶׁבְּזֶה הַמַּאֲמַר הַקָּדוֹשׁ סָמַךְ יָדָיו עַל הָרַב רַבִּי נָתָן ז"ל, שֶׁהוּא יִהְיֶה הַמּוֹצִיא וְהַמֵּבִיא בְּכָל עִנְיָנָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל רַבֵּנוּ ז"ל לְאַחַר פְּטִירָתוֹ, כְּמוֹ שֶׁרָאִינוּ בְּעֵינֵינוּ שֶׁכֵּן הָיָה, שֶׁכָּל עִקַּר קִיּוּם הַשְׁאָרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה שֶׁל רַבֵּנוּ ז"ל לָנֶצַח, הָיָה רֻבּוֹ כְּכֻלּוֹ כִּמְעַט רַק עַל יְדֵי הָרַב רַבִּי נָתָן ז"ל כַּיָּדוּעַ.

[כ] עי' בפרפראות לחכמה סי' ה' תניינא אות י"ח: ולעניות דעתי רומז בדברים אלו דברים גבוהים ונעלמים בענין מה שעיקר השארת הרשימה הקדושה של רבינו ז"ל היה על ידי הר"ר נתן ז"ל, ומה שעסק הר"ר נתן ז"ל כל ימיו לדבר עם אנשים הרבה מעבודת השם, והקים הרבה נפשות הנפולות והחיה והשיב

רבי נתן איז געווען אין גאליציע, האט אים א איד געקושט די פיס: **"דאס זענט איר דער איד וואס האט געמאכט די תפילות?!"**. דאס זענט איר דער איד וואס האט געמאכט די תפילות?! און ער האט אים געקושט די פיס![כא]

❖

(אחד שואל על מה שנדפס באבני"ה ברזל: "וְורָאנִיקֶעס זַיְינֶען מִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט זֶ'עדְנֶע" - וואס איז דאס?)[כב] 'ווראניקעס' איז א מאכל פון מעל, 'דזשעדנע' הייסט - דאס פעלט אונז נישט! דאס האבן מיר!

❖

## 'אם שמוע בישן תשמע בחדש'...

(מדברים אודות מה שמדפיסים היום כל מיני 'שיחות' 'וכתבי-יד' המקובלים בין אנ"ש), מיר דארפן זיך אויסקערן צוריק צו דעם 'אלטן לקוטי מוהר"ן', צו דעם 'אלטן לקוטי הלכות', מיט די 'אלטע תפילות', מיט די 'אלטע מכתבים'... און דאס (היינו השיחות הנ"ל) איז מהיכי תיתי - א 'פרפראות'!

---

**אותם בשבעה משיבי טעם ממש, כנראה קצת גם מהרשימה הקדושה שנשאר אחרי הר"ר נתן ז"ל בהחיבורים הקדושים שחיבר שהם ליקוטי תפלות וליקוטי הלכות, ויותר מזה אשר הרבה לדבר עם אנשים הרבה בעל פה והשיב את נפשם ממש, והכל הוא על ידי האמרות טהורות שנעשו מהרשימה הקדושה של המוחין הקדושים של רבינו ז"ל, וביותר עסק בזה הר"ר נתן ז"ל אחר הסתלקותו של רבינו ז"ל.**

[כא] עי' עלים לתרופה מכתב שי"ט: ...**וְהִנֵּה תְּהִלָּה לָאֵל הָיִיתִי בִּבְרָאד וּבְלֶעמְבֶּערְג ... תְּהִלָּה לָאֵל עָסַקְנוּ שָׁם הַרְבֵּה וְדִבַּרְתִּי הַרְבֵּה מִנְּעִימוּת נִפְלְאוֹת תּוֹרָתוֹ וּגְדֻלָּתוֹ וְנִשְׂגָּבוּת מַעֲלָתוֹ, וְהוּטַב בְּעֵינֵיהֶם מְאֹד מְאֹד, וְרֹב הַחֲסִידִים דְּשָׁם קִבְּלוּנִי בְּכָבוֹד גָּדוֹל ... וְאֶתְמוֹל לִוּוּ אוֹתִי מִבְּרָאד חֲסִידִים הַרְבֵּה וּגְדוֹלֵי הַחֲשׁוּבִים שֶׁבָּהֶם עַד חוּץ לָעִיר, וְהַרְבֵּה מֵהֶם לִוּוּ אוֹתִי וְנָסְעוּ עִמִּי עַד הַגְּרֶענִיץ, וּבַדֶּרֶךְ מָשְׁכוּ וְהוֹצִיאוּ מִמֶּנִּי דִּבּוּרִים וְתוֹרוֹת הַרְבֵּה מִתּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה ... וְכֻלָּם עָמְדוּ מַרְעִיד וּמִשְׁתּוֹמֵם תִּסְמַר שַׂעֲרוֹת בְּשָׂרָם כִּמְעַט שֶׁיָּצְאָה נַפְשָׁם ... גַּם בִּבְרָאד דִּבַּרְתִּי עִמָּהֶם כַּמָּה תּוֹרוֹת וְשִׂיחוֹת קְדוֹשׁוֹת וְנוֹרָאוֹת מְאֹד, וּמָסַרְתִּי לָהֶם סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת וְהַתְּפִלּוֹת, וְאַף שֶׁקְּצָתָם רָאוּ אוֹתָם מִכְּבָר, אֲבָל כְּבָר עָבְרוּ יָמִים וְשָׁנִים שֶׁלֹּא רָאוּ אוֹתָם...**

[כב] אבני"ה ברזל - שו"ם ממוהרנ"ת ז"ל אות ז', ושיש"ק [הנדמ"ח] ח"ב אות שס"א: היינו לומר שאף על פי שיש עלינו מחלוקת כזו עד ששמקפחים את פרנסתינו, אעפ"כ ב"ה עדיין יש לנו מה לאכול...

ס'איז דא אזעלכע וואס זיי זענען ממש קלאר אין יעדע שיחה 'בעל פה', און לקוטי מוהר"ן לערנט ער ווינציג, און דאס איז א געוואלדיגע עוולה!

מען האט געמאכט די 'מכתבים' (של אנ"ש לדורותם), גאנץ גוטע 'מכתבים' האט מען געדרוקט, איז דא אזעלכע וואס אין אלע מכתבים איז ער קלאר! "אבער לערן אין די צייט לקוטי מוהר"ן אויך!..."

דאס איז עפעס א מין 'חשק' - א 'נייע זאך', א 'נייער מכתב', ווער שמועסט א מכתב וואס ס'ווייסט נישט קיינער און ער ווייסט יא... דער מכתב איז אוודאי א זאך, 'ער' ווייסט!

מען האט אנגעהויבן ממעט זיין אין דעם חשיבות פונעם רבי'נס ספרים, מיט רבי נתן'ס ספרים, און מען האט אנגעהויבן צו זוכן 'נייע זאכן'!

אז מען לערנט דעם רבי'נס א ספר - אז מען זאגט עפעס א שיחה דעמאלט ווערט ער (נתלהב לשמוע)...

וואס וויל מען? אז מען זאל אינגאנצן אוועקלייגן דעם רבי'נס ספר?! מען זאל נאר רעדן נאר 'שיחות'?! אויס לקוטי מוהר"ן, אויס לקוטי הלכות, נאר רעדן נאר 'שיחות'! וואס וויל מען וואס?!

אז דאס חשיבות איז געווארן נאר 'שיחות', און דער 'שורש' פון אונזער זאך לייגט מען אוועק אין דער זייט, קומט דאך אויס אז מען דארף גארנישט לערנען לקוטי מוהר"ן, לקוטי הלכות, נאר רעדן 'שיחות' און שוין!

איי ס'איז נישט דא? וועט ווערן!! ס'מוז ווערן 'שיחות'... דאס איז אינגאנצן דאס חיות - נאר 'שיחות'!

"טוה עפעס אין די זאך, גיב אריין עפעס א חיות, א התחדשות, אויפ'ן לערנען דעם רבי'נס ספרים! לייג אריין אין דעם דיינע כוחות!".

(ר' נחמן בורשטיין: די בריוון פון 'נתיב צדיק' - פון ר' נתן לייבל'ע ראובן'ס, ער שרייבט דארט די גרויסקייט פון רבי'ן, דאס איז שטארקע בריוון דאס,) יא, יא.

(השואל: ער ברענגט דארטן אז מען האט מבזה געווען דעם רבי'ן אין מקוה?)[כג] איינער האט דעם רבי'ן מבזה געווען אין מקוה אין זלאטיפאליע, (השואל: א מפורסם?) יא. אז דער רבי איז געקומען, האט ער זיך אנגערופן: "**איך בין אזוי עלנד, איך האב נישט ווער ס'זאל זיך אננעמען פאר מיר!**" וכו'.[כד]

❖

# 'אחד היה אברהם'...

(אחד שואל: ס'איז דא אזעלכע וואס זאגן אז ר' אברהם ר' נחמן'ס האט 'תלמידים ממש' נישט איבערגעלאזט, מיט זיין גאנג וואס ער האט ארויסגעברענגט א 'ביאור הלקוטים', מיט דעם גאנג פון 'חכמה ותבונה', דער סארט לימוד איז געווען א 'חידוש' וואס ביי אלע אונזערע לייט איז עס נישט געווען, ס'איז כמעט נישטא אז מען זאל לערנען דעם לקוטי מוהר"ן אויף דעם סארט גאנג! אפשר ווייל ס'איז נישט געווען דעמאלט געדרוקט 'ביאור הלקוטים'? מען האט טאקע נישט פארשטאנען דעם סארט לערנען?)

הער זיך איין, ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געבליבן! דער 'ביאור הלקוטים' זעהט מען איז געבליבן פון אים, נאך זאכן דארטן איז געבליבן, אבער פון 'אים' איז געבליבן אסאך 'חוץ דעם ספר'!

אונזערע לייט האבן שוין לאנג געזאגט - אין אומאן אויך - און פון דא (בארץ ישראל) האב איך אויך געהערט פון די עובדים: "אז ווען נישט ר' אברהם ר' נחמן'ס, וואלט אינגאנצן נישט געבליבן, די גאנצע השארה פון 'עבודה' וואלט אינגאנצן נישט געבליבן!".

אלעם פון די גאנצע עבודה, פון 'חצות', פון 'התבודדות' – די גאנצע עבודה וואס ס'איז געבליבן, איז אלץ געוועזן ווייל ס'איז געווען "ר' אברהם ר' נחמן'ס"!

---

[כג] מכתבי ר' נתן ב"ר יהודה (הנדפס מחדש) - מכתב קמ"ט: ... **הכלל אחי, גאט וועט אייך אויספירן, און איהר וועט אלסדינג איבער קומען, זייט נישט קיין מיוחסים, כי כבר ביזו את רבנו ז"ל בפניו בזלאטיפולי במרחץ, וגם תלמידו הק', ואני שמעתי בעצמי איך שהיו מבזים אותו בפניו, והוא סבל הכל ועשה את שלו, ועתה אנו רואין מה שזכו עי"ז, וגם אתם תסבלו, בודאי יהיה הכל לטובה** ... ועי' גם חיי מוהר"ן אות קי"ד.

[כד] עי' 'מי הנחל' על ליקוטי מוהר"ן תו' ו' בפי' מאמר רבב"ח 'דשמיטן גדפיהו' שכ' וז"ל: **...ועל בזיון וגידוף ה' אסור לשתוק, וגם על בזיון וגידוף הצדיק אשר קוב"ה וצדיקיא כולא חד ג"כ אסור לשתוק, וכאשר נשמע אח"כ מפיו הק שאמר לענין כזה שאעפ"כ צריך לפעמים לסטור לאחד על לחייו...**

ער איז געווען א געוואלדיגער 'תמים', ער האט נישט געוואלט פארבייגן קיין שום זאך - איז געבליבן!

די גרויסע עובדים וואס זענען געווען אין זיינע צייטן, און זענען אביסעלע געווען ווייטער פון אים, זענען געווען ווייט פון 'חצות', זיי זענען געווען ווייט פון 'התבודדות' אויך!

זיי האבן געזאגט אז מיט די 'לקוטי תפילות' איז מען יוצא 'התבודדות', און אז ס'איז בעסער אויפשטיין 'דריי אזייגער' און נישט צוריקלייגן זיך, - 'עובדים'!

פארוואס? ווייל זיי זענען געווען אביסל ווייט פון ר' אברהם'ען, און די טאקע - פון זיי איז גארנישט געבליבן!

אידן וואס ווייסן אז חצות איז 'חצות', און התבודדות איז נישט קיין 'תפילות', לקוטי תפילות איז טאקע טייער - אבער התבודדות איז 'התבודדות', און נאך אזעלכע זאכענישן וואס איז געבליבן (ריכטיג) - איז נאר דערפאר - ר' אברהם ר' נחמן'ס!

און דער עיקר דעם רבי'נס זאך איז דאס![כה]

דער עיקר וואס איז געבליבן די זאך, איז נאר געווען ווייל מען האט דאס געזעהן פון 'אים', מיט זיינע מענטשן, מיט זיינע דיבורים!

❖

# "ביאור הליקוטים"

דער 'ביאור הלקוטים', אוודאי, דאס איז א שארפער ספר! ס'איז דא ברוך השם אויך אידן וואס לערנען ביאור הלקוטים! ס'איז א שארפער ספר!

(השואל: אבער אין אומאן, אין בארדיטשוב?) אסאך האבן געלערנט ביאור הלקוטים! נאר וואס דען? 'ביאור הלקוטים', נישט יעדער האט (יכולת לזה)...

---

[כה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ג; הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דָּבָר קָטֹן וְדָבָר גָּדוֹל. וְלִבְלִי לִנְטוֹת ח"ו מִדְּבָרָיו יָמִין וּשְׂמֹאל ... וּלְהַשְׁלִיךְ מֵאִתּוֹ כָּל הַחָכְמוֹת, וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל בִּלְעֲדֵי אֲשֶׁר יְקַבֵּל מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר...

(השואל: ר' מרדכי סאקאלאווער, ר' שלמה גבריאל?) **אה הא, זיי האבן זיך געוויקט אין ביאור הלקוטים!**

**נאר וואס דען? קענען זאגן פאר'ן עולם א 'מאמר' אזוי ווי ס'איז, איז עס שווער צו זאגן! זיי ועלן עס נישט פארשטיין, און ס'איז שווער אדורך לערנען א מאמר, א גאנצער מאמר.**

(השואל: ר' אברהם אליין, אז ער האט געלערנט פאר'ן עולם, האט ער געלערנט אויף דעם גאנג?) **ניין!**

**ס'וועגדט זיך ווער ס'איז געווען, ער האט געהאט מיט אונז א 'שיעור', געלערנט מיט אונז פארנאכט א שיעור 'ביאור הלקוטים', א גאנצן ווינטער, אלע נאכט א שיעור!**

(השואל: א חוץ וואס ר' שמשון מיט ר' געצע האבן פארגעלערנט?) **זיי האבן געלערנט באזונדער!**

**אין שול, 'ביאור הלקוטים', געזעצן א גאנצער טיש געלערנט!**

(ר' נחמן בורשטיין: ר' גדלי' בערגער, אין די זאך איז ער געווען א חידוש, דעם גאנצן ביאור הלקוטים פארגעלערנט, ער פלעגט זאגן אין א סדר די תורה, אבער ער איז געגאנגען מיט'ן גאנצן 'ביאור הלקוטים'! ער האט מיר געזאגט איינמאל שבת בייטאג, איך בין געווען ביי אים, זאגט ער, "קוק זיך איבער דעם ביאור הלקוטים, וועסטו אביסל פארשטיין", בין איך אדורך געגאנגען, ער האט אמאל געלערנט די תורה ח', אה, אין די זאך איז ער געלעגן שטארק!) **יא יא! ס'איז נאך אסאך געוועזן, ס'איז געווען!**

❖

# 'סתום וגליא'

**איך האב זיי אמאל געזאגט: "מען האט גענדארפט זיין א שטיק ר' אברהם, מען זאל האבן א געפיל אין ר' אברהם'ען"!** (כי היה מסתיר עצמו מאוד).

**נאר וואס דען, מען האט געזעהן אז ס'איז א 'כלי', און ער וויל זיך נאר פארבאהאלטן, זיין חיות איז נאר 'פארבאהאלטן זיך'! ווי ווייטער ער קען זיך פארבאהאלטן באהאלט ער זיך!**

נאר וואס דען? ס'איז געווען אידן וואס האבן געגראבן און געזוכט, כאטש ער האט זיך באהאלטן! זיי האבן געזעהן ווער ער איז!

די בעסטע זיינע יארן, די 'ימי חורפו', האט ער אוועקגעגעבן אלץ אין די פעלדער און די וועלדער! דו ווייסט וואס דאס הייסט?!

איך האב געהערט פון אונזערע לייט, די זקנים, "אז ער וואלט ווען געווען א חידוש אין רבי'נס צייטן – מיט זיין עבודה"! אין רבי'נס צייטן! פון דעם רבי'נס מענטשן איז נישט געווען אזעלכע עובדים ווי ער איז געווען! נאך דעמאלט וואלט ער געווען א חידוש אין זיין עבודה!

(השואל: ר' ברוך באַרדיטשובער? - ממקורבי ר' אברהם) ר' ברוך איז געווען, אה הא! ער (ר' אברהם) האט געהאט תלמידים עובדי ה', געוואלדיגע!

ווער ס'האט נישט געזעהן ברוך'ן (באַרדיטשובער) דאוועגען, יוחנן'ס טאטע, האט נאך קיין דאווענען נישט געזעהן!

ער איז געווען א קראנקער מענטש, אזא דאווענען ווי ער האט געדאווענט! "כל עצמותי תאמרנה!", מיט אזא מין חיות, מיט אזא מין ברען צום אויבערשטן, מיט אזא מין דביקות! א געוואלד, א געוואלד!

נישט נאר ער אליין, א 'בנימין פארבער'! די וואס זענען געווען שייכות צו אים (ר' אברהם) האבן באקומען אזעלכע ברענעדיגע הערצער צום אויבערשטן!

און ר' אברהם האט זיי געקענט, ר' אברהם האט געוואוסט 'מיט וועמען' צו רעדן! אז ס'איז געקומען א שלש סעודות, האט ער טאקע גערעדט 'עבודה', ער האט געוואוסט אז דאס איז 'עובדים', ער האט געוואוסט מיט וועמען ער רעדט!

אז ער האט גערעדט מיט 'בעלי בתים', האט ער געוואוסט מיט וועמען ער רעדט, ער וועט שטיין רעדן 'עבודת השם' מיט אזעלכע וואס מען דארף מיט זיי רעדן פראסטע דיבורים?! ער האט געוואוסט מיט וועמען צו רעדן!

אפילו ביי אונז אליין, ווען ער האט גערעדט מיט אונז, אמאל אז ס'זענען געזעצן (אנשים יותר פשוטים) - נישט אלע, האט ער שוין אנדערש גערעדט! ער האט געזעהן ווער עס איז, האט ער שוין אנדערש גערעדט!

דער רבי זאגט אין די תורה, אז ס'איז א ענין פון 'פגם הברית' - אז מען רעדט אזוי וואס ס'איז נישט שייכות צו אים, איז דאס א ענין פון 'פגם הברית'![כו]

ער איז געווען זייער פארזיכטיג אין דעם רעדן, דערפאר אליין האט נישט יעדער איינער געהאט אין אים א געפיל, ווארום מיט א פראסטן מענטש האט ער גערעדט פראסטע (- פשוט'ע) דיבורים!

(השואל: אבער ס'איז געווען אמאל אז ער פלעגט רעדן און ס'איז נישט געווען ווער ס'האט פארשטאנען?) אז ער האט גערעדט, האט ער געזעהן ווער ס'איז דארט! אזוי האט ער געקענט רעדן א 'סיפור', און אזוי (ענינים פשוטים).

(השואל: 'קבלה' אדער די סארט זאכן?) ער האט קיינמאל נישט גערעדט קיין 'קבלה'! נאר רעדן 'חידושים', אדער רעדן דארטן אזוי טיפע שמועסן פונעם רבי'נס זאך - האט ער נאר גערעדט אז ס'איז געווען מענטשן וואס האבן פארשטאנען!

❖

# חכמים הזהרו בדבריכם...

(נכנסים בשיחה בענין האחריות מלהדפיס לרבים שיחות ועובדות, שמלפנים היה נמסרים רק מפה לאוזן בין אנ"ש, כי לאו כל מוחא סביל דא).

(השואל: ימי התלאות האט מען געהאט?) ווער האט געהייסן 'דרוקן'?!

אז ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אמאל געזעהן בכתב (שיחות כאלו) נאר ביי משה טשענסטעחוב'ער, האט ער ביי אים צוגענומען! (ואמר לו:) "אזעלכע זאכן שרייבט מען אויף?!".

אז מען דריקט שוין (ספרי רבינו), דאס וואס מען ווייסט אז ס'איז נישט געווען אין דעם ערשטן (כתב יד של הספר), דארף מען עס נישט דריקן!

אז מען דריקט, דארף מען האבן א שטיקעלע געפיל אין דער זאך, און מסדר זיין!

(ר' נחמן בורשטיין ז"ל מזכיר אודות המראה-מקומות וההשוואות ממאמרי חז"ל ושאר ספרים, שסידרם הרה"ח ר' משה קרעמער שליט"א, על ספר ביאור הליקוטים, שעל ידי כך רבים מדבריו מובנים יותר, ושגם

[כו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קל"ד, ועי' גם תו' מ"ז תניינא.

ר' שמואל שפירא ז"ל הגיב על זה אשר ממש פנים חדשות באו לכאן. ורלוי"צ ז"ל משבח את דרך לימודו ושיעוריו בספר בליקוטי מוהר"ן בעומק על פי דרכו של הביאור הליקוטים).

(ר' נחמן בורשטיין שואל: ר' שמערל בארדיטשובער האט איר נאך פארכאפט?) **ניין, איך האב אים נישט געקענט!** (ר' נחמן בורשטיין: ס'איז דא אסאך זאכן וואס ווערט דערמאנט דארט, וואס ער האט געשריבן, איר האט געהערט עפעס וועגן אים?) **איך האב געהערט!** (ר' נחמן בורשטיין: ער איז געווען עפעס א הויכער סארט מענטש?) **יא יא!**[כז]

❖

(חוזר לענין הזהירות מלדבר לפני זרים 'שיחות ועובדות' כאלו שיכולות לגרום מחלוקת), **פארוואס דארף מען מרבה זיין מחלוקת?! איך געדענק ווען מיר פלעגן רעדן מיט 'מתנגדים', מען האט זיך פארבאהאלטן! און זיי האבן מקבל געווען פון אונז 'חיות'** (בעבודת השם) **!**

**מען האט גערעדט, אפגעזעצן שעה'ן און שעה'ן, און נישט געוואוסט אז איך בין א ברסלב'ער! נאר מ'האט געזעהן 'פארבאהאלטן זיך'! געווען גוט מיט אלעמען, נישט האבן קיין וויכוחים מיט אלעמען!**[כח] **ס'איז געווען א געוואלדיגע הקפדה פונעם רבי'ן מען זאל אזעלכע זאכן טוהן!**[כט]

---

[כז] ראה עמוד השער מספר ביאור הליקוטים, הוצאת ישיבת ברסלב לתורה ותפלה, תרצ"ה. גם מוזכר בביאור הליקוטים סי' קנ"ה, ובח"ב סי' ה' בסופו.

[כח] עי' ספר המדות - ערך תשובה אות פ"ו: **מִצְוָה לְהַחֲזִיר אֶת בְּנֵי-אָדָם עַל כָּל דְּבַר פֶּשַׁע, וְאִם אַתָּה יָרֵא, שֶׁלֹּא יִשְׁמַע לְךָ תֹּאמַר דְּבָרֶיךָ בְּשֵׁם צַדִּיק אַחֵר, כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמְעוּ אוֹתְךָ.** ועי' שיש"ק [הנדמ"ח] אות קע"א: **"איך וואלט געוואלט איר זאלט רעדן פון מיר, שמועסן פון מיר, און נישט דערמאנען אין מיין נאמען, וואס ארט מיר אז יענער זאל בענטשן אן ערנסט בענטשן, און ס'זאל זיין פון מיין כח, און ער זאל נישט וויסן אז ס'איז פון מיין כח?!"** ועי' בשיחות הר"ן אות קמ"א בסופו, לגבי ענין התיקון הכללי וז"ל: **"...וְאֶפְשָׁר שֶׁהָרַב הַנַּ"ל וְכַיּוֹצֵא מִגֹּדֶל תְּשׁוּקָתָם לְזַכּוֹת בָּהֶם אֶת הָרַבִּים בְּתִקּוּן גָּדוֹל כָּזֶה, וְיָדְעוּ שֶׁיֵּשׁ שֶׁנִּמְצָאִים מִתְנַגְּדִים וְחוֹלְקִים עַל רַבֵּנוּ ז"ל, עַל־כֵּן קִיְּמוּ בְּנַפְשָׁם מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ ז"ל (יְבָמוֹת סה:): שֶׁמֻּתָּר לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם. וּבִפְרָט בְּדָבָר גָּדוֹל וְתִקּוּן כָּזֶה".** עי' טעם זקנים קונטרס ו' - פרשת וארא תשל"ד.

[כט] עי' עלים לתרופה - סוף מכתב קפ"ד: **...וּמֵאֵלֶיךָ תָּבִין לִתֵּן הָאִגֶּרֶת לִקְרוֹתוֹ לְאוֹהֲבֵינוּ הָאֲמִתִּיִּים וּלְגָנְזוֹ הֵיטֵב מֵהַזָּרִים, וְכָל זָר לֹא יֹאכַל קֹדֶשׁ...**

וואס האט דער רבי געמיינט "זיין אויסגעמישט מיט די וועלט"?![ל] פארבאהאלט זיך, גיב נישט ארוים! אז דו ביסט אויסגעמישט מיט די וועלט, קענסטו רעדן פונעם רבי'ן, קענסטו משפיע זיין, קענסטו מחיה זיין!

איך מוז זיך ארויסגעבן?! "איך בין דער ברסלב'ער, איך בין, איך ווייס!"...

❖

# 'עת לחשות'...

(מספר ממעלת השתיקה כשהשעה צריכה לכך), ווען איך בין געזעצן אין תפיסה מיט ר' אליהו חיים'ען (רוזין ז"ל, אצל הקומוניסטים), זענען מיר געזעצן אין צוויי באזונדערע קאמערס, און מען האט אונז געהיטן איינער זאל נישט האבן קיין קשר מיטן אנדערן, און דאס איז געווען די גרעסטע ישועה פאר אונז! (כדלהלן).

מען האט זיך איינער דעם אנדערן ליב געהאט, איך האב געוואלט פאקן עפעס א וואָרט פון אליהו חיים'ען, און ער א וואָרט פון מיר, און מיר זענען געווען ווייט.

ביי די חברה (שאר האסורים) האבן זיי אנדערש געטוהן, זיי האבן אלע איינגעזעצט אין איין קאמער, און זיי האבן אריינגעזעצט איינעם פון זיי (מרגל), אזוי ווי ער איז אויך א 'זינדיגער' גלייך מיט זיי, ער איז געזעצן מיט זיי, האבן זיי זיך פאר אים נישט געהיט, "ער איז דאך א זינדיגער גלייך מיט זיי!", האבן זיי אלעם אויסגעכאפט, און ער האט אלעם איבערגעגעבן צו זיי! וואס זיי האבן גערעדט צווישן זיך האט ער אלעם איבערגעגעבן דארטן! (- לאנשי הממשל).

און דאס איז געווען די גאנצע - (האשמות במשפט), וואס מען האט נישט גערארפט רעדן האבן זיי געפלאפלט, און 'דער' האט אלעם איבערגעגעבן דארטן, "דו האסט דאך אליין גערעדט דארטן!".

ביי אונז איז די גאנצע זאך (ההצלה) געווען - וואס מיר זענען געווען אפגעטיילט איינער פונעם אנדערן! און איינער פונעם צווייטן האט נישט געוואוסט! מיר האבן נאר בא'גנב'עט דארטן עפעס בריוועלעך...

---

[ל] עי' כוכבי אור - שו"ם אות נ"ה.

❖

איך ווייס נישט, איך בין געווען צוזאמען מיט אונזערע לייט, מען האט גארנישט גערעדט קיינמאל פון די אלע זאכן! די אלע שיחות האט מען קיינמאל נישט גערעדט, מען האט נאר גערעדט וואס מען דארף רעדן! דיבורים וואס מען דארף האבן פירושים אויף זיי, און יענער וויל נישט אננעמען דעם פירוש, און אפדרוקן עס?!

אזעלכע דיבורים, אזעלכע זאכענישן, דער דיבור איז טאקע א דיבור, אבער ווער האט געוואוסט פון דעם דיבור?! אסאך צדיקים פון אונזערע לייט זענען שוין אין גן עדן, און זיי האבן די אלע שיחות נישט געוואוסט! שוין.

ווי זענען די פריערדיגע ערליכע אידן, די פריערדיגע זקנים?! מען האט קיינמאל נישט גערעדט די דיבורים! מען האט נאר גערעדט דאס וואס מען האט פריער גערעדט: מען זאל זיך זעהן שטארקן אין התבודדות, און אריינלייגן כוחות אינעם דאווענען, און נאך, דאס האט מען גערעדט!

מען האט גארנישט גערעדט דאס דאזיגע, זיי האבן זיך אויסגעלעבט זייערע יארן, צדיקים, זיי האבן קיינמאל גארנישט גערעדט, זיי האבן גארנישט געוואוסט אז ס'איז דא אזעלכע שיחות, און זיי זענען גארנישט געווען נייגעריג צו וויסן די שיחות! ווייל זיי האבן געוואוסט אז נישט דאס איז דער עיקר זאך - דעם רבי'נס!

❖

(נכנסים בשיחה אודות ר' שמואל הורביץ ז"ל) ער איז א גרויסער ערליכער איד געווען, און א געוואלדיגער תמים, ער האט נישט געהאט קיין שום געפיל אין דער וועלט - -

איך בין געגאנגען אמאל מיט אים, ער האט געהאט צוטוהן דארטן (היה זקן וחולה), דער אויטא (אוטובוס) פלעגט פארן אונטן אראפ, ביים 'שער האשפות' (בדרך להתפלל אצל הכותל המערבי), אונטן האט ער זיך אפגעשטעלט, און מען האט געדארפט ארויפגיין דעם בארג, עטליכע יאר אזוי געווען, און ער איז געגאנגען.

דערווייל מען איז אפגעגאנגען פונעם אויטא, איז געגאנגען פאר אונז א פרוי, האט ער געגעבן א 'לויף', 'ארויפגעלאפן דעם בארג'! איך זאג: ר' שמואל?! (ענה:) "ס'זאל

גיין א פרוי פאר אונז?!". ס'איז געווען א 'מסירות נפש' (לגודל חלישותו), ער איז 'געפלויגן', 'ארויפגעפלויגן', נישט צו גיין 'אחורי' - (אשה).

ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד!

❖

# 'בריאות הגוף והנפש'

(השואל: וואס האט דער רבי געזאגט "מען דארף היטן די לינקע זייט"?)[לא] ביים שלאפן! (ר' נחמן בורשטיין: "אז מען האט נאר איין קישעלע, זאל מען עם לייגן נישט צוקאפנס, נאר מען זאל עם לייגן אונטערן 'זייט'!", ווי קען מען שלאפן אזוי, וויים איך נישט?), די 'לינקע זייט' איז די לונגען, ווען ער שלאפן אן א קישעלע צוקאפנס! ער זאל בעסער זעהן ער זאל ליגן אויף עפעס, די קאפ קען ליגן גלייך אפילו אן א קישעלע, אסאך מענטשן שלאפן די קאפ נישט הויך! נאר די 'זייט' זאל ער ליגן אויף עפעס, נישט ליגן אויף קיין הארטע זאך, נאר אויף עפעס א ווייכע זאך!

(ר' נחמן בורשטיין: כלפי וואס האט עס דער רבי געדארפט זאגן? ס'איז געווען עפעס א ענין דערביי?) קעגן געזונטקייט! די לונגען זאל נישט ליגן אויף קיין הארטע זאך, אויף עפעס א ווייכקייט זאל עס ליגן! (השואל: היינטיגע מאטראצן?) ביי די היינטיגע מאטראצן דארף מען נישט לייגן!

(השואל: אייער שווער - ר' אהרן קיבליטשער ז"ל - איז געשלאפן אויף א באנק, יא? מסתמא האט ער געדארפט האבן א ווייכע זאך?) זיי האבן געמאכט גוט... און דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאל אויך מאכן גוט!

מיר זאלן וויסן, אז נישט דאס איז דער עיקר - די אלע שיחות, די אלע מעשה'ס! איך זעה דו ביסט אזוי צוקאכט אינעם 'בעל פה'! 'שגור בעל פה'! איך האב גארנישט קיין שום המשכה דערין... 'מהיכי תיתי'.

(השואל: און דאס וואס רבי נתן האט געשריבן, די שיחות הר"ן, די חיי מוהר"ן?) יא יא! (אחד הנוכחים: דארטן איז שיחות אין עבודת השם, דארטן איז נישט קיין שארפע שיחות!)

❖

---

[לא] עי' אבניה ברזל - שו"ם מרבינו ז"ל אות ל"ג.

(השואל: פארוואס האט דער רבי געהאלטן אז 'פאקן' זאל מען מאכן אזוי שטארק?)[לב] **דער רבי האט אזוי געזאגט, אפילו 'ווינטער' אין די גרעסטע פרעסט!**

(השואל: דער רבי האט געזאגט אלע רפואות נישט?) **יא יא. אבער דאס יא! 'פאקן' יא!**

❖

# "ווער ס'האט פארמאכט דער וועט עפענען"

(השואל: ס'איז געווען עפעס א מעשה ביי ר' נתן'ען, רבי נתן איז געווען אמאל אין א מקוה, און ער האט עפעס גערופן, ס'איז אים געווארן גוט, שפעטער האט ער געוואלט?)[לג] **יא יא, איך האב יענע וואך דערציילט, ער איז געווען אין א שוויץ!**

**[איצטער זאגט מען אין שול יום כיפור קטן, ווער ס'האט נאך נישט געזאגט זאל גיין זאגן!]**

(חסר)

**אזוי איז ער געווען 'ווייט'!** (מופלג בזהירותו שלא להשתמש ברפואות), (השואל: הייסט געגאנגען א גאנג אז מען טאר נישט נעמען קיין רפואות!) **יא, ער איז געווען 'ווייט' אין דעם זאך!** (השואל: רבי נתן איז מסתם געווען א יחיד אין דעם!) **כמעט א יחיד געווען!**

(השואל: ר' נחמן טולטשינער?) **אוודאי, ר' נחמן איז אויך געווען אזוי!**

(השואל: ער האט געהאט מיט עצירות אמאל?) **יא 'דרייצן טעג', דרייצן טעג עצירות!** (ואמר:) **"ווער ס'האט פארמאכט דער וועט עפענען!". און ס'האט זיך געעפענט!**[לד]

---

[לב] עי' אבניה ברזל - שו"ס מרבינו ז"ל אות ל"ד.

[לג] עי' שיש"ק ח"ג אות קכ"ה: כַּיָּדוּעַ הָיָה מוֹהרנַ"ת זִכְרוֹנוֹ-לִבְרָכָה סוֹבֵל מֵחוֹלִי מֵעַיִם בִּשְׁנוֹתָיו הָאַחֲרוֹנוֹת, פַּעַם כְּשֶׁהָיָה בְּמִקְוֶה חַמָּה שֶׁנִּקְרָא שְׁוִיץ בָּאד שָׁהָה שָׁם אֵיזֶה מֶשֶׁךְ זְמַן, אַחַר-כָּךְ הוּטַב לוֹ מִכְּאֵבָיו הַקָּשִׁים, וּמִשּׁוּם כֵּן חָזַר לָלֶכֶת שָׁם שׁוּב, אוּלָם עַתָּה הִתְגַּבְּרוּ עָלָיו כְּאֵבָיו יוֹתֵר, נַעֲנָה וְאָמַר: "**בְּפַעַם רִאשׁוֹנָה כְּשֶׁלֹּא הִתְכַּוַּנְתִּי לְתוֹעֶלֶת רְפוּאָתִי, אָכֵן הוֹעִילָה לִי הָרַחֲצָה, אוּלָם בַּפַּעַם הַשְּׁנִיָּה כְּשֶׁכְּבָר הִרְהַרְתִּי שֶׁיִּצְמַח לִי מִזֶּה רְפוּאָה לְמִחוּשַׁי, הֻזַּקְתִּי עַל יָדָהּ יוֹתֵר**".

[לד] עי' עלים לתרופה - מכתב שצ"א: ...**וְקִוִּיתִי לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּשְׁלַח לָהּ רְפוּאָה שְׁלֵמָה מִן הַשָּׁמַיִם מְהֵרָה בְּלִי שׁוּם רְפוּאוֹת וְתַחְבּוּלוֹת ... וַאֲפִלּוּ לְהָעֲצִירוּת לֹא יַעֲשׂוּ שׁוּם דָּבָר, כִּי עַל פִּי רֹב הוּא טוֹב לִבְרִיאוּת הַגּוּף** (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חיי מוהר"ן תצ"ח), **וְאִם ח"ו הָעֲצִירוּת יוֹתֵר מִדַּאי, בְּוַדַּאי אָסוּר לַעֲסֹק בְּסִבּוֹת**

ס'איז געווען אמאל - ר' אברהם ר' נחמן'ס האט דערציילט - ס'איז ארומגעגאנגען א חולאת 'חולירע', פלעגט מען צונעמען אלע קינדער פון די הייזער אין די שפיטעלער אריין, רחמנא ליצלן - די קינדער כמעט נישט געקומען קריק, האט ר' נחמן טולטשינער פארשלאסן די שטוב ארום און ארום, ער האט נישט ארייגעלאזט קיינעם אין שטוב אריין צו זיך, און ברוך השם אלע קינדער (הבריאו מחולאתם רק בכח התפלה בלי טיפול רפואי כלל).[לה]

(חסר)

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **אהרן שמואל האלד** הי"ו
וויליאמסבורג – ירושלים
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **יעקב נתן ליכטער** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **אלכסנדר גאלדרינג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
י"ב שבט תשע"ט
תנצב"ה

מוה"ר **שלמה יודא ווייצהענדלער** הי"ו
– בית שמש –
לרגל שמחת נישואי בנו החתן כמר **יעקב זאב** הי"ו
**למזל טוב**

מוה"ר **יואל כ"ץ** הי"ו
קרית טאהש יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

---

רְפוּאַת שֶׁקֶר גַּשְׁמִיִּים, כִּי לֹא יוֹעִילוּ, וְיוֹתֵר שֶׁיַּזִּיקוּ ח"ו, רַק לִסְמֹךְ עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַד 'אֲשֶׁר יָצַר אֶת הָאָדָם בְּחָכְמָה וּבָרָא בוֹ' וְכוּ' עַד 'רוֹפֵא חֲלִי כָל בָּשָׂר וּמַפְלִיא לַעֲשׂוֹת', וְרַק הוּא לְבַד רוֹפֵא אֱמֶת נֶאֱמָן וְרַחֲמָן, הוּא יַכְאִיב וְיַחֲבֹשׁ, הוּא וְלֹא אַחֵר...

[לה] עי' שיש"ק ח"ג אות תס"ז.